№ 25 (דריטער יאָרגאַנג) פרייז 10 גראָשן

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
BIALER WOCHENBLAT

אַבאָנאַמענטס-פרייז:
מאָנאַטלעך . . . . . 35 גראָשן
פערטל-יערלעך . . . . . 1.00 זל.
אין אויסלאַנד:
פערטל-יערלעך . . . . . 1 דאָלאַר
אַנאָנסן-פרייז:
פאַר אַ פעטיט-שורה אין טעקסט . 40 גראָשן
" " " פאָרן טעקסט . 20 "
" " " נאָכן טעקסט . 15 "
פאַרן אינהאַלט פון די אַנאָנסן און אָפענע בריוו איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטלעך.
די צייטונג טראָגט נישט קיין געשעפטס-כאַראַקטער און איז נישט אויסגערעכנט אויף פאַרדינסט.
אַדרעס פאַר בריוו און געלט-זענדונגען:
Red. „BIALER WOCHENBLAT"
Biała-Podl., Grabanowska 39.
Konto rozrach. № 1.
Skrz. poczt. 26.

# ביאַלער וואָכנבלאַט

נאַציאָנאַל געזעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט פאַר ביאַלע-פאָדל. און אומגעגנט.

Biała-Podlaska, dnia 24 lipca 1936 r.

ביאַלע-פאָדל., פרייטאָג, פ׳ דברים תרצ״ו, 24 יולי.

## צוויי וויכטיקע אַקציעס

אין די נאָנטסטע וואָך וועט ווערן דורכגעפירט צווישן דער ביאַלער קריסטלעכער ווי אויך יידישער באַפעלקערונג צוויי וויכטיקע אַקציעס, וועלכע האָבן דעם ציל אַריינצוציען די ברייטסטע מאַסן „פון די בירגער אין דער אַרבעט פון פוילנס לאַנדעס-פאַרטייטיקונג, פון פוילנס שטעלונג אין דער וועלט פון די גרויס-מאַכטן.

די ערשטע אַקציע דאָס איז דאָס רעגיסטרירן אויטאָמאַטיש אַלע בירגער פאַר מיטגלידער אין דער „ים און קאָלאָניאַלער ליגע".

מיר גיבן דאָ איבער אַן אויסצוג פון פראָטאָקאָל וועגן דעם ענין.

## W Y C I Ą G

z protokułu posiedzenia Zarządu L. M. i K. z dnia 23 czerwca 1936 r.

Na posiedzeniu Zarządu L. M. i K. w dniu 23 czerwca 1936 r. odbytem łącznie z przedstawicielami wszelkich ugrupowań społecznych, gospodarczych i wyznaniowych reprezentujących znaczną część ludności bialskiej postanowiono:

Wciągnąć na listę członków L. M. i K. bez specjalnych na to deklaracji wszystkich obywateli miasta, reprezentowanych przez obecnych na posiedzeniu delegatów.

Zwrócono się do Oddziału Zarządu L. M. i K. w Białej Podl., aby wyznaczył inkasentów dla ściągania składek członkowskich od ludności w wysokości dowolnej, deklarowanej przez poszczególną osobę w miarę jej zasobów materjalnych nie mniej jednak 20 gr. miesięcznie od osoby.

Osoby wpłacające pierwszą składkę miesięczną automatycznie stają się członkami L. M. i K.

**Zarząd L. M. i K.**

(–) **Świątecki** płk. (–) **Walewski,** Prezes Sądu Okr.
(—) **Zabłocki,** Naczelnik Urzędu Skarb.

אין די נאָנטסטע טעג וועט זיך אויך אנהויבן די „מיטגלידער-אַקציע" פון דער פוילישער געזעלשאַפט א.ג. „ווייסער-קרייץ", די געזעלשאַפט אונטערן הויכן פּאַטראָנאַט פון גענעראַל-אינספּעקטאָר איבער די פוילישע באַוואָפנטע כוחות גענעראַל רידז-שמיגלי און באַצוועקט צוצוגרייטן אַן אויסגעשולטע אַרמיי פון לאַנדעס-פאַרטייטיקער.

די ביאַלער אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט ווערט אָנגעפירט דורכן פּרעזעס פון קרייז-געריכט ה׳ מאַקסימיליאַן וואַלעווסקי. ביידע געזעלשאַפטן שיקן אַרויס אינקאַסענטן, וועלכע וועלן ביי אַלע בירגער איינמאָנען מיטגלידס-אָפּצאָל. דער חודש-אָפּצאָל איז מינימום פון 20 גר. אַ מאָנאַטלעך.

נעמענדיק אין אַכט די איצט אָנגעשטרענגטע לאַגע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום בכלל און דער ענין דאַנציג בפרט איז נויטווענדיק, אַז אַלע בירגער זאָלן זייער פליכט דערפילן.

די באַפעלקערונג ווערט געבעטן גלייך צו דערלייזן דעם אינקאַסענט, נישט הייסן אים קומען אַ צווייט מאָל און בכלל באַציען זיך פריינדלעך צו דער אַקציע.

אין טיפן טרויער מעלדן מיר וועגן טויט פון אונזער ליבן פאָטער

**דוד ווייבשטיין נ״ע**

וועלכער איז נאָך קורצע און שווערע ליידן אין עלטער פון 73 יאָר געשטאָרבן שבת דעם 11-טן ה. מ.

די אין טרויער פאַרבליבענע

זון, טעכטער, שנירן, איידעמס און אייניקלעך

## מ ע ל ד ו נ ג

די אַדמיניסטראַציע פון „ביאַלער-וואָכנבלאַט" מעלדעט, דאָס זי שטעלט אָפּ מיט דעם נומער דאָס שיקן די „וואָכנבלאַט" צו די אַלע אַבאָנענטן, וואָס האָבן זייערע חובות נישט איינגעצאָלט.

גלייכצייטיק ווערט מיטגעטיילט, דאָס אונזער אַקוויזיטאָר איז ה׳ **צמח טוכמינץ** און ווי אויך די דרוקעריי **„עקספּרעס"** נעמען אָן אַקוויזיציע-אויפטראָגן פאַרן „ביאַלער-וואָכנבלאַט".

אין לאָמזשו איז באַפולמעכטיקט צו דערליידיקן אַקוויזיציע-ענינים דער אָרטיקער קאָרעספּאָנדענט אונזערער ה׳ משה שקלאַרוש.

מעלדונגען, אַנאָנסן, גראַטולאַציעס, נעקראָלאָגן זענען אין דער פרייז פון מינימום 1 זלאָטע.

**אַדמיניסטראַציע.**

## „A L B A"

פּרעזענטירט די פּרעכטיקע אַרטיסטן פון „בענגאַלי" גיו סטאַנדינג, ראָזאַלינד קעיט, טאָם בראָון און ריטשאַרד קראָמוועל אינעם אויסגעצייכנטן פילם א. נ.:

## „ANNAPOLIS"

**אַ פילם,** אַ זיג פון דער קינאָמאָטאָגראַפישער קונסט.

**אַ פילם,** וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין שטוינען די גאַנצע וועלט.

**אַ פילם,** וואָס ווייזט אונז די מאַנעוורעס פון אַמעריקאַנישן פלאָט. אַ פּרעכטיקן באַל פון די אַמעריקאַנער מאַטראָסן און אָפיצירן. דאָס קאָנקורירן פון צוויי אָפיצירן צוליב איין מיידל. דאָס צוגעבונדנקייט פון אַ שיפס-קאַפּיטאַן צו זיין שיף.

**אַ פילם,** וואָס אַלע דאַרפן אים זען.

**אַ פילם,** וואָס בלייבט אין זכרון.

פון מאָנטאָג:

## „די מענער אין געפערלעכן עלטער"

## Kino Dżw. „TĘCZA"

דעמאָנסטרירט:

## „פּעטער איבעטסאָן"

פון מאָנטאָג דער סאָוויעטישער פילם:

## „אַ פּרוי פאַר טויזנט רובל"

## Kino „Światowid"

„באַנוצט" זיך נישט מיט דער יידישער פּרעסע ביים רעקלאַמירן אירע פילמען און דעריבער קאָנען מיר נישט אינפאָרמירן דער עפנטלעכקייט, וואָס סוועט דאָרט געגעבן.

## ביליקע פעיקע אַגענטן-קעס

צו אַ נאָגנבאַר אַרטיקל צו פאַרקויפן אויף ראַטעס

ווענדן זיך: **פרייהייטס-פּלאַץ 25, ביי גליקסבערגן**

## נויטיק אַ פעיקן יינגל

(פון אַ ריינער הוים)

אין פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט פון „פאַטאָ-פילם"

פרייהייטס-פּלאַץ № 4.

